# דער בריוו צו פילעמאָנען

א פּאָולוס, אַן אַרעסטאַנט פֿונוועגן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און טימאָטעאוס,
אונדזער ברודער, צו פילעמאָנען, אונדער באַליבטן מיטאַרבעטער,
2 און צו אַפּפִיאַן, אונדזער שוועסטער, און צו אַרכיפּוסן, אונדזער
3 מיטקעמפער, און צו דער קהִילה אין דיין הויז: חֶסֶד צו אייך און
שָלום פון גאָט, אונדזער פאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
4 איך דאַנק תָּמיד מיין גאָט, בעת איך דערמאָן דיך אין מיינע
5 תפִילות, ווייל איך הער פון דיין ליבע, און פון דער אֶמונה
6 וואָס דו האָסט צו דעם האַר יֵשוּעַ און צו אַלע הייליקע, כדי
די חַברותֶאשאַפט פון דיין אֶמונה זאָל ווערן ווירקזאַם אין דער
דערקענטעניש פון אַלעם גוטן, וואָס איז אין אונדז, פאַר מָשִיחַן.
7 וואָרים איך האָב געהאַט אַ סך פרייד און טרייסט פון דיין ליבע,
מיין ברודער, מַחמת די הערצער פון די הייליקע זענען דורך
8 דיר דערקוויקט געוואָרן. דעריבער, הַגַם איך פיל מיך פריי
9 אין מָשִיחַן דיר צו באַפעלן דאָס, וואָס איז רעכט, דאָך פונוועגן
דער ליבע, בעט איך דיך ליבער. אָט איך, פּאָולוס, דער זָקן,
10 און אַצינד אויך אַן אַרעסטאַנט פונוועגן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, בעט דיך
פאַר מיין קינד, וועמען איך האָב געוואונען אין מיינע קייטן, פאַר
11 אָנעסימוסן, (וואָס איז אַמאָל געווען פאַר דיר אומנוצלעך, אָבער
12 אַצינד איז ער נוצלעך פאַר דיר און פאַר מיר). איך שיק אים
13 צוריק צו דיר, אים אַליין, דאָס הייסט, מיין אייגן האַרץ. איך
וואָלט אים גערן געהאַלטן מיט מיר, כדי ער זאָל, אַנשטאָט דיר,
14 מיר דינען אין די קייטן פון דער גוטער בשׂורה; אָבער אָן דיין
דֵעה האָב איך גאָרניט געוואָלט טאָן, כדי דיין טוֹבה זאָל ניט זיין
15 געצוואונגען, נייערט פרייַוויליק. וואָרים אֶפשר איז ער דעריבער
אָפּגעשיידט געוואָרן פון דיר אויף אַ צייט, כדי דו זאָלסט אים
16 האָבן אויף אייביק, ניט מער ווי אַ קנעכט, נייערט מער ווי אַ
קנעכט, אַ באַליבטער ברודער, בִּפרַט פאַר מיר, און מכָּל־שכֵּן

פאר

17 פֿאַר דיר, סײַ און דעם פֿלייש, און סײַ אין דעם האַר. בכן, אויב דו
18 רעכנסט מיך פֿאַר אַ חבר, זײַ אים מקבל ווי מיך אַליין. און אויב
ער האָט דיר בכלל אומרעכט געטאָן, אָדער איז דער עפּעס
19 שולדיק, שטעל דאָס צו אויף מײַן חשבון. איך, פּאָולוס, שרײַב
דאָס מיט מײַן אייגענער האַנט, איך וועל עס באַצאָלן, ־ איך רעד
שוין גאָרניט דערפֿון, וואָס דו ביסט מיר שולדיק חוץ דעם אויך
20 דיך אַליין. יאָ, ברודער, לאָמיך פֿון דיר האָבן פֿרייד אין דעם
21 האַר; דערקוויק מײַן האַרץ אין מָשיחַן. ווײַל איך האָב בטחון
אין דײַן געהאָרכזאַמקייט, שרײַב איך דיר, וואָרים איך ווייס, אַז
22 דו וועסט טאָן אַפֿילו מער ווי איך זאָג. אין דער זעלבער צײַט
גרייט אויך אָן פֿאַר מיר אַן אַכסניא, וואָרים איך האָף, אַז דורך
23 אײַערע תּפֿילות, וועל איך אײַך געשענקט ווערן. עפּאַפֿראַס, מײַן
24 מיטאַרעסטאַנט אין ישוע המָשיחַ, טוט דיך גריסן, אויך מאַרקוס,
25 אַריסטאַרכוס, דעמאַס, לוקאַס, מײַנע מיטאַרבעטער. דער חסד
פֿון אונדזער האַר ישוע המָשיחַ זאָל זײַן מיט אײַער גייסט.